אויף תיכף ארויסצוגעבן: 11/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פייערט היסטארישע עלימינירונג פון אנגעהויפנטע סערטיפיקאציע פארלאנגען פאר ניו יארק'ס ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען**

***גאווערנער האט פארזיכערט 11 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 צו מאכן MWBE סערטיפיקאציע פראצעדור מער געשליפן און פארקורצערן דויערונג צו באקומען סערטיפיקאציע***

***גאווערנער אנאנסירט אויך לאנד'ס-פירנדע צאל קאנטראקטן מיט MWBE אין ניו יארק סטעיט צום דריטן יאר אין א רייע***

***יערליכע MWBE באריכט פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די עלימינירונג פון ניו יארק'ס יארן-לאנגע הויפן פון אנגעזאמלטע פארלאנגען פון ביזנעסער צו באקומען א סערטיפיקאציע אלס 'ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען' (minority- and women-owned business enterprise, MWBE) נאכפאלגנדיג א טראנספארמאטיווע 11 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג פארזיכערט דורך די גאווערנער אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 צו מאכן דעם סערטיפיקאציע פראצעדור מער געשליפן. די היסטארישע דערגרייכונג, אנאנסירט ביי די ניו יארק MWBE פארזאמלונג אין אלבאני, מיינט אז די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס דיוויזיע פון אנטוויקלונג פון ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען (Division of Minority- and Women-Owned Business Development) וועט ארבעטן אן זיין הונטערשטעליג מיט סערטיפיקאציע אפליקאציעס צום ערשטן מאל אין צענדליגע יארן.

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט איז איבערגעשטיגן איר ציהל פון ניו יארק סטעיט רעגירונג קאנטראקטן מיט MWBE'ס, מיט א ראטע פון 32.30 פראצענט דורכאויס פיסקאלע יאר 2023 — די העכסטע ראטע פון קאנטראקטן מיט MWBE'ס אין דאס לאנד צום דריטן יאר אין א רייע. כמעט 3 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן זענען געשאנקען געווארן פאר MWBE פירמעס דורכאויס די פיסקאלע יאר 2023, און כמעט 29 ביליאן דאלאר אין סטעיט קאנטראקטן זענען שוין געשאנקען געווארן פאר MWBE'ס זינט 2011. די לעצטע ציפערן זענען פארעפנטליכט [דא](#) אין די 2023 MWBE באריכט.

"די הונטערשטעליגקייט אין די MWBE סיסטעם איז געווען נישט יושר'דיג, נישט גערעכט, און יעצט איז דאס אין די היסטאריע. ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען זענען קריטיש צו ניו יארק'ס לאנג-טערמיניגע עקאנאמישע הצלחה, און איך האב דאס געשטעלט אלס א הויפט פריאריטעט צו סוף כל סוף ברענגען אן ענדע צו די הונטערשטעליגקייט כדי די ביזנעסלייט זאלן האבן די כלים וואס זיי דארפן צו וואקסן און בליהען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק נוצט אויס באדייטנדע אינוועסטירונגען

צו באפולמעכטיגן מינאריטעט און פרויען ביזנעס אייגנטימער, צו אנקומען צו פרעצעדענטלאזע צאלן פון קאנטראקטן מיט MWBE'ס און צו אויפבויען א מער גערעכטע און אריינגעמנדע ביזנעס אטמאספערע."

אין אוגוסט פון 2021 האט גאווערנער האקול גע'ירשנ'ט א באדייטנד אנגעהויפנטע צאל פון MWBE סערטיפיקאציע פארלאנגען מיט טויזנטע אפליקאציעס ווארטנדיג אויף באשטעטיגונג. אין יענע צייט האט די אפליקאציע איבערבליק און פראצעסירונג געקענט נעמען אזוי לאנג ווי 499 טעג.

אלס טייל פון גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו שטיצן MWBE'ס, האט די גאווערנער פארגעשלאגן צו גענצליך איבערארבעטן ניו יארק'ס MWBE פראגראם אין איר 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אין 2022, און זי האט פארזיכערט אן 11 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 צו פארקורצערן די צייט ווי לאנג מען דארף ווארטן פאר א סערטיפיקאציע און צו עלימינירן די הונטערשטעליגקייט. מיט די מיטלען וואס זענען צוגעשטעלט געווארן דורך גאווערנער האקול, איז די ESD אויפגעקומען מיט א פילפאכיגע פלאן צו עלימינירן די הונטערשטעליגקייט אנגעהויבן אויף פעברואר 1, 2023, אריינרעכנענדיג פארבעסערונגען צו מאכן די פלוס פון אפליקאציעס מער געשליפן, נייע און פארבעסערטע כלים צו האלטן חשבון און נאכפאלגן די פארשריט פון אפליקאציעס; קוואליטעט פארזיכערונג איבערבליקן צו פארזיכערן אז רעגולאציעס ווערן אויסגעפאלגט; העכערונגען אין צאל איינגעשטעלטע; און פארברייטערטע טרענירונג פאר אנאליסטן. די ESD האט אויך אוועקגעשטעלט ספעציאליזירטע מאנשאפטן צו איבערקוקן סערטיפיקאציעס אין שטאפלען — איין מאנשאפט צו איבערקוקן אקטיווע אפליקאציעס און נאך איין צו האנדלען מיט נישט איבערגעקוקטע פארלאנגען.

**ניו יארק'ס טשיף דייווערסיטי אפיסער, דזשוליסא גוטיערעז, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול איז אנגעגאנגען מיט א פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס עקאנאמיע טוט נישט נאר וואקסן, נאר אז עס נעמט אויך אריין די פילע קאמיוניטיס וואס מאכן אונזער סטעיט אזוי געוואלדיג. אונטער איר פירערשאפט האט ניו יארק'ס MWBE פראגראם געזעהן פרעצעדענטלאזע פארשריט, און א דאנק די פינאנצירונג וואס זי האט פארזיכערט, וועט די עלימינירונג פון די MWBE סערטיפיקאציע הונטערשטעליגקייט ארויפשטעלן טויזנטע ניו יארקע ביזנעסער אויף די וועג צו הצלחה."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "פארבעסערן די סערטיפיקאציע פראצעדור און עלימינירן די MWBE סערטיפיקאציע הונטערשטעליגקייט עפנט די טויערן צו עקאנאמישע וואוקס און פארשריט פאר ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. דורכן אוועקנעמען סיסטעמישע שטרויכלונגען, טוהען מיר באפולמעכטיגן פארשידנארטיגע ביזנעסער און ביזנעסלייט צו פארווירקליכן זייער פולע פאטענציאל, אויפטרייבן נייע לאקאלע דזשאבס, מוטיגן נייע אינוועסטירונגען און פלעגן עקאנאמישע אנטוויקלונג אריבער די סטעיט. איך וויל באדאנקען די גאווערנער פארן דאס לייגן אלס פריאריטעט און אונזער געטרייע ESD מאנשאפט וועמען'ס מידלאזע ארבעט האט דאס ערמעגליכט."

די היסטארישע עלימינירונג פון די MWBE סערטיפיקאציע הונטערשטעליגקייט איז טייל פון א גרעסערע אונטערנעמונג דורך גאווערנער האקול צו פארשטערקערן ניו יארק'ס MWBE פראגראם. לעצטע יאר האט די גאווערנער אונטערגעשריבן געזעצן צו פארבעסערן דעם פראגראם דורכן פארמיידן שווינדל און אביוז אינערהאלב דעם פראגראם; דורכן ערלויבן ביזנעסער צו נוצן MWBE אנטוויקלונג און הלוואה פראגראם געלטער צו ריפייננענסן עקזיסטירנדע חובות; און דורכן אויטאריזירן ניו יארק סיטי צו ארויסגעבן קאנטראקטן פון ביז אזויפיל ווי 1 מיליאן דאלאר פאר MWBE'ס אן א פארמאלע ליציטאציע פראצעדור. אין צוגאב האט ניו יארק סטעיט עררייכט די העכסטע ראטע פון קאנטראקטן געגעבן פאר MWBE'ס אין דאס לאנד פאר די פארגאנגענע דריי יאר אין א רייע.

צו לערנען מער איבערן ווערן סערטיפייד אלס אן MWBE, באזוכט: https://esd.ny.gov/doing-business-ny/mwbe

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אויסשרייבן